# פרשת כי תצא ה׳ – י״א אלול תשע״ז לפ״ק

***יום שני פרשת כי תצא***

אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לרגל היארצייט של האשה החשובה מרת קיסנער ע״ה (מאנטריאל, אחות הרבנית מוואדקערט ע״ה, חמותו של **רבינו שליט״א**, ולא הניחה זש״ק). **רבינו שליט״א** העלה על נס גודל מסירתה למען משפחת חמותו הרבנית מוואדקערט ע״ה, ובתוך הדברים סיפר:

**איר** מאן (הרה״ח רבי צבי יהודא קיסנער ע״ה) איז געווען א תלמיד פונעם **פאפא רב זצ״ל**, דער **ויגד יעקב**, און ער איז געווען א משמש ביי אים אין שטוב. ער איז אוועק יונגערהייט (י׳ אלול תשכ״ט), ארום צוויי יאר נאך מיין חתונה, און זי מיט מיין שוויגער זענען געבליבן צוויי שוועסטערס אליין. ווען איך בין א חתן געווארן, האט די מומע מיט איר מאן געמומען אויף זיך אלע התחייבות. איך האב באקומען דעמאלטס א נדן, וואס איך מיין אז אפילו היינט וואלט עס געווען א שיינע נדן. מען רעדט יעצט פון יארן צוריק (שנת תשכ״ז), האט ער געגעבן פינף יאר קאסט. ער האט געגעבן צוואנציג טויזנט דאלער, וואס פון דעם האט מען געקענט לעבן פינף יאר. און אלע יארן שפעטער, האט זי מיך מחזיק געווען. עס איז פאר זיי צו פארדאנקען מיין גאנצע תורה וואס איך האב געלערנט נאך די חתונה. - ער האט מיר אמאל געזאגט, אז בשעת ער האט זיך מתחייב געווען צו געבן פאר מיר וואס ער האט מיר צוגעזאגט, האט ער נישט געהאט קיין געלט, נאר ער האט געבארגט געלט. ער האט אוועקגעגעבן אלעס וואס ער האט געהאט. און דער אייבערשטער האט געהאלפן, אז נאך אין דעם יאר נאך מיין חתונה, האט ער צוריק פארדינט אלעס וואס ער האט אויסגעגעבן. אזוי פירט מען אלעס פון אויבן. זאלן זיי זיין מליצי יושר.

*

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט״א** אצל מסיבה לתלמידי הישיבה גדולה, לרגל סיום חדשי הלימודים במחנה הקיץ, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** וועל נישט רעדן קיין דברי תורה, עס מיר שווער צו רעדן (עקב הצטננות). מען האט פריער געהערט אזעלכע שיינע שמועסן (מאת הרמי״ם), אז עס איז באמת נישט דא וואס צוצוגעבן. אבער פארן רבונו של עולם דארף מען רעדן אפאר דיבורים, געבן א שבח והודאה אויפן זומער וואס איז אדורכגעגאנגען, און אויף דעם גאנצן יאר וואס מען איז אדורך, אז מען האט געקענט זיצן באהלה של תורה, ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות. מען קען זיך נישט פארשטעלן די גליק וואס מען האט, אז מען זיצט אין בית המדרש. עס קומט דאך נישט אויס, אז איך זאל זיין, נאר צווישן לומדי תורה. זייער זעלטן וואס מען זעהט א אנדערע סוג מענטשן. דעם זומער בין איך געווען אביסל אינדרויסן, איך בין אדורכגעגאנגען א וועלט פון גוים, הייבט מען אן צו שעצן וואס א יוד איז. דאס לײדיג גײן, וואס טוט א גוי צוויי חדשים וואס ער האט נישט קיין סקול? וואס טוט ער צוויי חדשים פון צופרי ביז ביינאכט? נאך א עבירה, און נאך א עבירה, און נאך א עבירה. עפעס אנדערש טוט ער נישט. אפילו ער זאל וועלן טון עפעס א גוטע זאך, קען ער נישט. און אז דער אייבערשטער העלפט, אז מען קען זיצן באהלה של תורה, וויפיל שבח והודאה דארף מען אפגעבן פארן רבונו של עולם.

**מיר** ווייסן נישט גענוג צו שעצן די מתנה טובה וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן. **ב״ה מען האט געלערנט מסכת בבא בתרא, און מען האט מסיים געווען מסכת סוכה. מען האט אדורכגעלערנט אזויפיל יסודות׳דיגע הלכות פון הל׳ שבת, בורר, סחיטה, לש, טוחן, קשירה, צידה, נטילת נשמה. און אלעס האט מען אדורכגעלערנט מיט אלע פרטי פרטים וואס איז נוגע הלכה למעשה ביי א יעדן סעיף. מען האט זיך קונה געווען א שלל מיט תורה, און יעצט איז די צייט וואס מען דארף עס צוזאמנעמען.** א גרויס חלק פון די בחורים האבן שוין איבערגע׳חזר׳ט א חלק פון זייערע לימודים, און זיי האבן זיך געלאזט פארהערן. אבער עס איז נישט גענוג, יעדע זאך וואס מען האט געלערנט, דארף א בחור אדורכגיין סוף יאר, און שפירן אז ער קען עס, און עס איז תלמודו בידו. עס איז דא א חודש אלול און א חודש תשרי ביז צום

אנהייב פונעם קומענדיגן זמן, אזויפיל טעג און שעות וואס מען קען אויסנוצן אויף לימוד התורה. דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען קודם אויפן עבר, און בעטן א תפלה אויפן עתיד, אז מען זאל קענען ווייטער זיצן בבית ה' כל ימי חיי, לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו.

**מען** איז געווען דא אין קעמפ די אכט וואכן, און עס האט זיך ב"ה אזוי שיין אויסגעשטעלט. יעדער בחור האט זיך צוגעשטעלט, און יעדער בחור איז געוואקסען. **איך בין געזעסן מיט די הנהלת הישיבה א שטיק צייט צוריק, און מיר זענען אדורכגעגאנגען א גרויס חלק פון די בחורים, און ביי יעדן איינעם געקוקט צו ער איז געוואקסען, צו ער איז געשטיגען, און וויפיל ער איז געשטיגען, און ב"ה עס איז נישט געווען, אין גם אחד, וואס מען זאל זיך אפשטעלן און זאגן, אז ער האט נישט געהאט קיין עליה אינעם יאר וואס איז אדורכגעגאנגען.**

**מען** פארט אריין אין די שטאט, די שטאט איז א אנדערע וועלט ווי עס איז דא. די נסיונות זענען אסאך גרעסער, און עס איז דא דארט א שווערע מלחמה מיטן יצר הרע. און די תורה זאגט אונז, כי תצא למלחמה על אויביך, דו זאלסט וויסן אז עס איז א מלחמה. נישט דו פארסט אהיים, נאר דו פארסט יעצט אין א מלחמה. און ווען דו וועסט וויסן אז דו גייסט ארויס אין א מלחמה על אויביך, ונתנו ה' אלקיך בידך. ווען דער מענטש פירט א מלחמה, איז דא א סייעתא דשמיא. יצרו של אדם מתגבר ומתחדש עליו בכל יום, ואלמלא הקב"ה עוזרו, לא היה יכול לו (סוכה נב.). דער אייבערשטער גיט סייעתא דשמיא, אז טאמער מען גייט אהיים מיט ערליכע כוונות, איך וויל זיך פירן ערליך, איך וויל ממשיך זיין אינדערהיים דאס ערליכקייט וואס איך האב געהאט אויסער די שטאט, איז דא סייעתא דשמיא אז מען זאל עס קענען ווייטער ממשיך זיין.

**עס** קומט א געוואלדיגען דאנק פאר די מנהל פון די ישיבה, און פאר די חשוב'ע מגידי שיעורים. מען האט נישט קיין השגה וויפיל איבערגעגעבנקייט עס איז דא פון זיי צו יעדן בחור עקסטער, אז יעדער בחור זאל קענען שטייגען. עס קומט זיי א געוואלדיגע הכרת הטוב. אסאך מאל פארשטייט מען נישט די הכרת הטוב ווילאנג מען איז אין די ישיבה, אבער ווען מען גייט ארויס, און מען קוקט צוריק, דעמאלטס וועט עטץ דאנקען אויף די שיינע זמנים וואס מען האט געהאט.

**עס** איז חודש אלול, א געבענטשטער חודש, אני לדודי ודודי לי (שיר ו-ג), עס איז דא א נאנטקייט פון רבונו של עולם צו א יעדן יוד. דודי איז טייטש א פריינטשאפט. נישט אזוי ווי א עבד מיט א אדון, און נישט אזוי ווי א טאטע מיט א קינד, נאר אזוי ווי ידידים, דאס איז די ימי הרצון פון חודש אלול. אני לדודי ודודי לי, ווען עס איז דא א ליבשאפט פונעם אייבערשטען צו אונז, איז די צייט אז מיר זאלן אויסנוצן אונזער ליבשאפט צום אייבערשטען, און אוועקגעבן די טעג וואס איז נאך געבליבען אינעם חודש אלול ביז די הייליגע טעג.

**אפילו** עס איז נישט דא א סדר פון די ישיבה, פון דעסטוועגן דאך דארף זיך יעדער בחור פירן, אזוי ווי ער האט אויך אינדערהיים א סדר פון די ישיבה. אזוי ווי ער איז אויפגעשטאנען דא, די זעלבע צייט דארף ער אויפשטיין אינדערהיים. די שעות וואס ער איז געזעסן אין בית המדרש איבערן טאג, אזוי דארף מען זיין אין די שטאט. עס איז נישט קיין שום נפקא מינה וואו מען איז, דער באשעפער איז די זעלבע, און די תורה איז די זעלבע. זיך מסדר זיין, און האבן א שאיפה אז די טעג זאלן אדורכגיין אין שטוב אויפן זעלבן סדר ווי אזוי מען האט זיך געפירט אין ישיבה. זיך צוגרייטן א חברותא מיט וועם ער וועט ווייטער לערנען, און דעמאלטס וועט מען האבן סייעתא דשמיא, אז מען וועט קענען שטייגען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער ממשיך זיין צו זיצן באהלה של תורה, זיצען און לערנען פלייסיג, און אויסנוצן די צייט פאר תורה און עבודת ה', מקבל צו זיין אויף זיך עול מלכות שמים. מען זאל קענען דאווענען אין די הייליגע טעג, און מתפלל זיין פארן אייבערשטען. יעדער איינער זאל זיך קענען אויסגיסן דאס הארץ, יעדער האט זאכן וואס עס קוועטשט אים, און ער דארף אז דער אייבערשטער זאל אים בענטשען

דערויף. זאל דער אייבערשטער געבן, אז עס זאלן נתקבל ווערן אלע אונזערע תפלות לרחמים ולרצון, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שלישי פרשת כי תצא***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבה לתלמידי הישיבה קטנה, לרגל סיום חדשי הלימודים במחנה הקיץ, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האלטביים זיך געזעגענען פונעם קעמפ, פון די שיינע וואכן וואס מען איז געווען דא, וואס יעדער איינער האט זיך אנגעשעפט מיט תורה עבודה און גמילות חסדים, אזוי ווי מען האט פריער געהערט די חשובע טייערע ווערטער פונעם מנהל שליט"א, וואס האט ארויסגעברענגט וואס דער תכלית פון א ישיבה איז, און וואס מען דארף זיך מיטנעמען פון די ישיבה. אלע הנהגות וואס מען האט זיך געפירט דא, זאל מען זיך פירן אויך אין שטוב. און עס קומט זיך צו געבן א דאנק פארן אייבערשטען, ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש, ולא שמת חלקנו מיושבי קרנות, אז מען האט געהאט די זכיה צו זיצען באהלה של תורה, און אזוי שיין אפרעכטן די הכנות אריינצוגיין אינעם חודש אלול און די הייליגע טעג.

**איך** וועל זאגן א ווארט, וואס איז נוגע צו די עבודה פון חודש אלול. די פאריגע וואך אין די פרשה, ענדיגט זיך דער לעצטער פסוק, 'ואתה תבער הדם הנקי', דו זאלסט מבער זיין דעם דם הנקי, די ריינע בלוט, 'מקרבך', פון דיר, 'כי תעשה הישר בעיני ה' (דברים כא-ט), ווען דו וועסט טון וואס איז רעכטפערטיג אין די אויגן פונעם אייבערשטען. דער פשוט'ער פשט איז, מען רעדט פון א רוצח וואס האט גע'הרג'ט יענעם, און די תורה האט געגעבן א עונש פאר דעם רוצח וואס מען דארף עס אויספירן, זאגט די תורה, ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, כי תעשה הישר בעיני ה'.

**עס** קען זיין, אז עס ליגט דערין נאך א רמז מוסר וואס איז נוגע פאר אונז אלע. אין די גמרא (ברכות י:) שטייט, אז מען טאר נישט עסן פארן דאווענען. אויב מען דארף טרינקען א קאווע פארן דאווענען, טוט זיך אויך אין פוסקים (עיין משנה ברורה סימן פ"ט סקכ"ב). אין **שלחן ערוך** (שם) שטייט אז מען מעג טרינקען וואסער, און צו די וואסער האט מען צוגעלייגט קאווע, מיט אביסל מילך, און צוקער, אבער על כל פנים עס איז אנגענומען אז מען מעג. אבער עסן טאר מען נישט פארן דאווענען. שנאמר, ווייל עס שטייט אין פסוק (ויקרא יט-כו) לא תאכלו על הדם, לא תאכלו קודם שתתפללו על דמכם. לא תאכלו, דו זאלסט נישט עסן, על הדם, ביז דו האסט נישט געבעטן פונעם אייבערשטען אויף דיין בלוט. דער מענטש איז צוזאמגעשטעלט פון פלייש מיט בלוט, און ווען ער איז מתפלל בעהט ער אויף זיין בלוט און פלייש, זאגט די גמרא, לא תאכלו קודם שתתפללו על דמכם, דו זאלסט נישט עסן, ווילאנג דו האסט נישט מתפלל געווען פארן אייבערשטען אויף דיר.

**עס** שטייט פונעם **רבי ר' בער זי"ע**, דער הייליגער **מעזריטשער מגיד** (בספרו **מגיד דבריו ליעקב** אות רכז), אז א מענטש ווערט אנגערופן אדם, אתם קרויין אדם ואין אומות העולם קרויין אדם (יבמות סא.). פארוואס ווערט א מענטש אנגערופן אדם, ווייל דער נאמען אדם איז צוזאמגעשטעלט פון דריי אותיות, א' ד' מ'. דם דאס איז דער מענטש, דער מענטש איז בשר ודם, כי הדם הוא הנפש (דברים יב-כג), מען קען נישט לעבן אן בלוט. אז מען פארלירט דאס בלוט, קען מען נישט לעבן. די בלוט דאס איז דער חיות פונעם מענטש. און אז דער דם איז דער נפש פונעם מענטש, ווערט דער מענטש אנגערופן דם. אבער עס קומט צו א אל"ף דערצו. אל"ף דאס איז דער אייבערשטער, דער אלופו של עולם, דער הער פון דער וועלט, דאס איז מרומז אין דער אות אל"ף. א מענטש ווערט אנגערופן אדם, ווייל ער דארף מרכיב זיין אויף זיך, ארויפנעמען אויף זיך, דעם אלופו של עולם. ממליך זיין אויף זיך דעם אייבערשטען, אז אלעס וואס זיין גוף גייט טון, טוט ער עס אזוי ווי דער אייבערשטער וויל. דאס איז אתם קרויין אדם, אונז ווערן מיר אנגערופן אדם, ווייל מיר טוען אלעס נאר ווי אזוי דער אלופו של עולם האט אונז איינגעטיילט צו טון. ואין אומות העולם קרויין אדם, זיי זענען נישט קיין אדם, זיי זענען נאר דם, ער

לעבט נאר מיטן בלוט. כדי צו ווערן אנגערופן א אדם, מוז מען האבן א קשר מיטן אלופו של עולם.

**האט** דער **הייליגער רבי ר' בער זי"ע** געזאגט, ווען קומט דער קשר צווישן דעם מענטש מיטן אייבערשטען? ווען קומט דער שותפות, צווישן דעם אלופו של עולם און דער דם? ווען א יוד דאווענט! ווען א יוד דאווענט, שטייט ער פארן מלך, און דעמאלטס האט ער דביקות אינעם אייבערשטען, ער איז זיך מתבונן אין גדולת ה', אינעם גרויסקייט פונעם אייבערשטען, איז ער ממליך אויף זיך דעם באשעפער, און ער איז מקבל אויף זיך עול מלכות שמים. תפלה דאס איז די דביקות פון א יוד אינעם באשעפער. תפלה איז פונעם לשון נפתולי אלקים נפתלתי (בראשית ל-ח), א צוגעבינדענקייט, ווערט אנגערופן תפלה. תפלה דאס טוט צובינדען דעם יוד צום באשעפער.

**וועגן** דעם וועט מען זעהן, **אז א יעדער בחור וואס איז א ירא שמים, יעדער יוד וואס איז ערליך, דערקענט מען עס ביי זיין דאווענען. אויב עס פעלט יראת שמים, איז דאס דאווענען ביי אים טויט. ווייל דאס דאווענען, דאס איז דער קשר וואס א יוד האט צום באשעפער.** בשעת א מענטש דאווענט, דעמאלטס ווערט ער אנגערופן אדם, ער איז ממשיך אויף זיך דעם אלופו של עולם.

**האט** דער **הייליגער רבי ר' בער זי"ע** געזאגט, ווען דער פסוק וויל זאגן, אז מען טאר נישט עסן פארן דאווענען, זאגט ער, לא תאכלו על הדם, עס נישט ווילאנג דו הייסט נאך דם. פארן דאווענען ביזטו דם, ווען דו וועסט ענדיגן דאווענען, וועסטו האבן א שייכות מיטן אלופו של עולם, און דעמאלטס וועסטו ווערן אנגערופן אדם. לא תאכלו, א מענטש זאל נישט עסן, קודם שתתפללו על דמכם, ווילאנג דו ביסט נאך א דם, זאלסטו נישט עסן. א יוד דארף דאווענען, דעמאלטס ווערט ער צוגעבינדען צום אייבערשטען, און דעמאלטס ווערט ער אנגערופן אדם, און פון דעמאלטס אן קען מען עסן. אזוי האט געזאגט דער **הייליגער רבי ר' בער זי"ע.**

**קען** זיין אז דאס איז מרומז אינעם פסוק, דער פסוק זאגט, ואתה תבער הדם הנקי מקרבך, דו זאלסט זעהן מבער צו זיין פון דיר, אז דו זאלסט נישט הייסן דם. דעם דם וואס איז ריין, און דעם אלופו של עולם, זאלסטו מבער זיין פון דיר. ווי אזוי קענסטו עס טון, כי תעשה הישר בעיני ה', היש"ר באטרעפט וויפיל תפל"ה, פינף הונדערט און פופצן. כי תעשה 'הישר' בעיני ה', ווען דו וועסט זיך נעמען צו דאווענען, דעמאלטס וועסטו ווערן אויס דם. די חיבור צום אייבערשטען, דאס איז די בחינה פון אדם.

**דאווענען** דארף מען א גאנץ יאר אויך, יעדן טאג איז מען מחוייב בתפלה. **אבער די עיקר תפלות הייבן זיך אן חודש אלול און חודש תשרי ביז נאך די הייליגע טעג, דאס איז זמנים וואס איז מער מיוחד פאר תפלה.** אויסער דעם וואס א גאנץ יאר איז מען עוסק אין תורה, מען גיט אוועק יעדע רגע פאר לערנען, דארף מען אין די טעג מרבה זיין בתפלה. **מרבה זיין בכמות, און מרבה זיין באיכות. בכמות איז טייטש, אז מען גיט צו די צען קאפיטלעך תהלים וואס מען זאגט. מען דאווענט לענגער, מען איז מוסיף שפעטער אין חודש צו זאגן סליחות, און אין די הייליגע טעג אליין זיצט מען א גאנצען טאג אין בית המדרש, און מען איז מתפלל. און דער עיקר איז אין איכות התפלה, אין די קוואליטעט פון די תפלה. דאווענען מיט מער כוונה, נישט אפכאפן דאס דאווענען, דאווענען מלה במלה, און מכוון זיין פירוש המילות בשעת מען דאווענט, און זיך אויסבעטן ביים אייבערשטען יעדער איינער וואס ער דארף.** - עס קומט א לאנגער יאר, און אלעס וואס מען גייט אדורך אינעם יאר, ווערט אנגעשריבן אין ראש השנה. און יעצט, אין חודש אלול, איז די צייט וואס א יוד דארף זיך צוגרייטן, אז ער זאל קענען דאווענען ראש השנה, און קענען אויסבעטן אין די הייליגע טעג וואס מען דארף.

**אויסער** תורה וואס א יוד איז עוסק א גאנץ יאר, ווען עס קומט חודש אלול און תשרי, קומט צו א פרישע עבודה, צו זיין א אדם. מתפלל צו זיין, זיך מחבר זיין מיטן אלופו של עולם. און אסאך מאל איז פארקערט, ווילאנג מען איז אין ישיבה א גאנץ יאר, דאווענט מען ערליך, מען דאווענט מיט א סדר, ער שטייט אויף איין פלאץ ביים דאווענען, און ער דאווענט בזמנה, און ער דאווענט מילה

במילה. און ווען עס איז נישט דא קיין סדר אין ישיבה, און ער קומט אין בית המדרש, דאווענט ער שוין בעל בתי'ש. ער קומט שפעט צום דאווענען, און ער שטייט נישט אויף איין פלאץ ביים דאווענען, און מען כאפט זיך מיט, מיט יעדע מנין, און עס איז נישט ריכטיג. ווען עס קומט חודש אלול, איז א צייט וואס א יוד דארף מתפלל זיין און בעטן. אלעס איז אין די הענט פונעם אייבערשטען, וואס פאר א פראבלעם ער האט, איז תפלה די פלאץ ווי מען קען עס מסדר זיין. און מען דארף זעהן די טעג מער מרבה צו זיין בתפלה, און על כל פנים נישט משנה זיין פון די סדר ווי אזוי ער האט געדאווענט אין ישיבה, אז דער חודש אלול זאל נישט זיין שוואכער ווי א גאנץ יאר.

**א** גאנץ יאר דארף מען לערנען מוסר, איז דאך א כל שכן די הייליגע טעג. עס איז א זמן פון א התעוררות, א זמן פון תשובה, וואס מען דארף מתקן זיין דעם גאנצען יאר וואס איז אדורכגעגאנגען. **מען דארף יעדן טאג לערנען צען פופצן מינוט אין א מוסר ספר.** על כל פנים יעצט אין חודש אלול, ביז נאך די הייליגע טעג, אפילו מען קען נישט שטענדיג לערנען, זאל מען די טעג אויסנוצן צו לערנען מוסר. אז מען לערנט מוסר, ווערט מען געוואר וואו מען שטייט אין עבודת ה', און וואס מען האט נאך אלץ צו טון.

**די** וועלט זאגט נאך, אז א יוד האט אמאל געפרעגט **רבי ישראל סאלנט'ער**, אז אזוי ווי ער האט נישט קיין סאך צייט צו לערנען, ער קען אבער אראפכאפן יעדן טאג צען מינוט פון זיינע געשעפטן, און לערנען, וואס זאל ער לערנען? זאל ער לערנען גמרא, אדער שלחן ערוך, אדער חומש רש"י. האט ער אים געזאגט, אז די צען מינוט זאל ער לערנען מוסר. האט ער געפרעגט, מוסר איז חשוב'ער פון חומש רש"י און גמרא תוספות? האט ער געזאגט, **אז דו ווועסט לערנט מוסר יעדן טאג צען מינוט, וועסטו געוואר ווערן אז דו האסט מער פון צען מינוט א טאג וואס דו קענסט לערנען.** די מוסר וועט דיר אויסלערנען, אז דו האסט אסאך צייט וואס דו קענסט אוועקגעבן פאר תורה. אז מען שפירט נישט די ערענסטקייט דערפון, און מען ווייסט נישט די חשיבות דערפון, האט מען נישט קיין צייט.

די צען מינוט וואס דו ווועסט לערנען מוסר וועט דיר טוישן, עס וועט דיר מאכן טראכטן אנדערש.

**מען** גיט דא א מתנה פאר די בחורים (שלמדו במסגרת מבצע 'מוסיף והולך') דעם ספר **ומקרבן לתורה** פון **רבי אהרן טויסיג זאל זיין געזונט**, און איך האב פונקט אויפגעמישט האב איך געזען אז ער ברענגט צו, וואס ער האט מיר פארציילט ווען מיר זענען געווען צוזאמען אויף שבת אין פרעשבורג, אז **הרב וואזנער זצ"ל** פלעגט נאכצוזאגן פונעם **חתם סופר**, אז דער **חתם סופר** האט געזאגט, אז א טאג וואס ער לערנט נישט קיין מוסר, שפירט ער עס פיר וואכן שפעטער. איין טאג וואס ער האט אויסגעלאזט, האט ער עס געשפירט פיר וואכן. און דאס האט געזאגט דער **חתם סופר**, וואס מען דארף נישט אראפלייגן זיין גרויסקייט. מה נענה אנן בתריה, וואס זאלן מיר זאגן. מיר שפירן נישט קיין פיר וואכן, ווייל אונז האב מיר נישט קיין חיות. א זאך וואס לעבט נישט, שפירט נישט, אבער א זאך וואס האט חיות, שפירט יעדע זאך. דאס איז די חשיבות פון מוסר. - על כל פנים, פון חודש אלול און ווייטער, דארף מען מרבה זיין אין לימוד מוסר, און מרבה זיין בתפלה, וועט דער אייבערשטער מקבל זיין די תפלות וואס מיר בעטן לרחמים ולרצון.

**ווען מען גייט אהיים, דארף מען מיטנעמען אין שטוב די גאנצע ווארימקייט וואס מען האט געהאט דא אינעם זומער. דער שבת אינדערהיים דארף אויסזעהן ווי א שבת אין קעמפ. זינגען זמירות, עס איז נישט קיין נפקא מינה צו מען זינגט אין שטוב צו נישט, מען זאל אליין זינגען. זאגן דברי תורה ביים טיש. דער שבת'דיגער טיש דארף א בחור אפפירן אזוי ווי ער פירט עס אפ אין ישיבה. אריינברענגען אין שטוב די ווארעמקייט וואס שבת ברענגט מיט זיך מיט.** זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען מיטנעמען מיט זיך די מצוות און מעשים טובים וואס מען האט געטון, די אלע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן פון די אלע מצות און מעשים טובים, זאלן אונז ווייטער באגלייטן, און זיי זאלן זיין מליצי יושר אויף אונז, אז מיר זאלן קענען אויספירן דעם חודש אלול און די הייליגע טעג ווי עס דארף צו זיין, און מיר זאלן

אלע אינאיינעם זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום רביעי פרשת כי תצא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **יעקב ווערצבערגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלום ישעי' בלאק** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי' שרה. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לשיכון סקווירא, וביקר אצל **כ"ק האדמו"ר מסקווירא שליט"א.**

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** ווי אזוי שפירט מען זיך?

**האדמו"ר מסקווירא:** איך זאג פאר יעדן די תורה פונעם **אזולאי** (החיד"א בספרו **דברים אחדים** דרוש לב, ב), 'יודו לה' חסדו', דורכדעם וואס מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף די חסדים ביז יעצט, מיט דעם איז מען ממשיך 'ונפלאותיו לבני אדם' (תהלים קז-ח), אז עס זאל טאקע ווייטער אויך זיין גוט.

**רבינו:** עס פאסט נישט צו זאגן, אבער דער רבי זעהט גאנץ פיין אויס...

**האדמו"ר מסקווירא:** דער אייבערשטער זאל העלפן. איך וועל מאכן א ווערטל, עס דארף זיין 'תוכו כברו' (עיין ברכות כח.), סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

**רבינו:** עס איז, און עס וועט זיין...

**האדמו"ר מסקווירא:** איך האף צום אייבערשטען. דער **בני יששכר** (כסלו ד-קכט) ברענגט אויך צו, אז ער טייטשט מיט דעם דער פסוק (תהלים עו-יא) 'כי חמת אדם תודך', ווען א מענטש דאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם וואס ער האט אים מציל געווען פונעם חימה, 'שארית חמות', איז די חימה וואס איז איבערגעבליבן, 'תחגר', מלשון (חולין יח. לז:) כדי שתחגור בה ציפורן (שהצפורן מתעכבת בתוך הפגימה), טוט דאס צוריקהאלטן אז עס זאל נישט קומען אויף אים נאך צרות.

**רבינו:** צו די הייליגע טעג דארף מען אסאך כח.

**האדמו"ר מסקווירא:** יא, מען בעהט טאקע דעם אייבערשטען.

**רבינו:** איך האב געזען שטיין, אז דער **שפת אמת פון גור** איז נסתלק געווארן פון א אויסערגעוועגליכע קראנקהייט, די מחלה וואס ער האט געהאט איז נישט געווען שכיח'דיג. האט זיין זון דער **אמרי אמת** געזאגט דערויף, אז די סיבה דערפון איז געווען, היות עס זענען אנגעקומען צום **שפת אמת** בקשות פון די גאנצע וועלט, און אויף אלע חולאים האט ער מתפלל געווען פאר אנדערע, און די גמרא (בבא קמא צב.) זאגט, המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה, ממילא האבן אלע שכיח'דיגע מחלות נישט געקענט חל זיין אויף אים. האט געמוזט קומען א זאך וואס איז נישט געווען שכיח, וואס אויף דעם האט ער נישט מתפלל געווען פאר אנדערע.

צום רבי'ן קומען אן אזויפיל בקשות, אז דער רבי האט שוין אויף אלעם מתפלל געווען פארדעם.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער אייבערשטער זאל העלפן, זכות אבות זאל מגין זיין, און די תפלות זאלן נתקבל ווערן לרחמים ולרצון.

**דער טאטע ז"ל** האט מיר געזאגט, אז ווען דער **שפת אמת** איז געווען נישט געזונט ל"ע, איז אנגעקומען א טעלעגראם קיין סקווירא אז מען זאל מזכיר זיין **פארן זיידן (הרה"ק רבי דוד מסקווירא) ז"ל**, אבער דער נאמען פונעם שטאט האט געהייסען אויף פויליש 'גורא קאלאווארי'. און אויב מען האט עפעס געוואוסט אין סקווירא פון גור, האט מען געוואוסט פונעם נאמען גור, אבער דאס האט מען נישט געוואוסט וואס דאס איז. אפאר טעג שפעטער איז אנגעקומען א ידיעה אז דער **שפת אמת** איז נסתלק געווארן, האט מען דעמאלטס געכאפט אז די טעלעגראם איז געווען וועגן דעם.

עס איז אינטערעסאנט, ווייל די מקומות צווישן גור און סקווירא זענען דאך געווען פארצייטענס גאר ווייט, דאס איז געווען אין פולין און דאס איז געווען טיף אין אוקריינא. אבער מען האט געשיקט פון דארט א טעלעגראם אז מען זאל מתפלל זיין. און דער עולם וואס האט צווישן זיך געשמועסט, האט נישט געוואוסט וואס דאס איז 'גורא קאלאווואריע' אויף פויליש.

**רבינו:** פון גור ביז סקווירא איז געווען דעמאלטס 'ממצרים ועד הנה'...

**האדמו"ר מסקווירא:** אין יענע טעג האט האט מסתמא גענומען טעג צו וואכן מיט א פערד און וועגעלע.

עס איז געווען פולישע רבי'ס וואס האבן געהאט א שייכות מיט טשערנאביל, אבער דאס איז געווען מער מיטן **טריסקער מגיד**, ווייל טריסק איז שוין געווען מער פולין.

**רבינו:** טריסק איז געבליבן פולין?

**האדמו"ר מסקווירא:** היינטיגע צייטן איז א גרויסער חלק אוקריינא, אבער אין יענע תקופה איז עס געווען פולין. און ממילא זענען אסאך פון די פולישע רבי'ס געפארן קיין טריסק. דעם **יהודי הק' אייניקלעך**, דער **תפארת שלמה פון ראדאמסק**, און **רבי אלימלך גרודזיסקער**, און **רבי העניך פון אלכסנדר**.

עס איז דא א רבי'סטווע אלכסנדר, אבער דאס איז א צווייטע זאך. - **רבי העניך מאלכסנדר** איז געווען צווישן דעם **חידושי הרי"ם** און דעם **שפת אמת** וועלכער איז נאך געווען יונג. איך האב געזען א תשובה פונעם **טריסקער מגיד** אויף א קוויטל וואס איז אנגעקומען פון דעם **רבי העניך** צום **טריסקער מגיד** אז ער זאל מתפלל זיין פאר אים. אין די וועלט האט געהייסען א גרויסע רבי'ש געפארעכטץ קיין טריסק און קיין טשארטקוב.

**רבינו:** עס איז געווען מקומות וואס מען האט נישט געגעבן קיין קוויטל פאר צוויי רבי'ס... זעהט אויס אז די צדיקים האבן יא געגעבן.

**האדמו"ר מסקווירא:** אין אסאך מקומות האט מען נישט געגעבן, אבער דאס רעדט זיך פון חסידים, אבער דאס וואס איין רבי האט געגעבן פארן צווייטען איז א אנדערע זאך.

*

**רבינו:** ווען האט זיך אנגעהויבן דאס וואס אין טשערנאביל האט מען נישט געזאגט קיין תורה?

**האדמו"ר מסקווירא:** עס האט זיך אנגעהויבן ביים טשערנאבלער מגיד'ס קינדער. ער האט געהאט אכט זוהן, און עס האט געהייסן אז עס איז געווען פיר וואס האבן יא געזאגט, און פיר וואס האבן נישט געזאגט. די פיר וואס האבן יא געזאגט איז געווען, דער **טשערקאסער**, דער **טריסקער מגיד**, דער **טאלנער**, און **רבי אהרן טשערנאבלער** האט אויך געהייסן אז ער זאגט תורה. אבער איך האב געהערט **פונעם טאטן ז"ל**, אז ער פלעגט אלעמאל אנהייבן, 'דער זיידע דער **מאור עינים** זאגט', און ער האט געזאגט און געזאגט און געזאגט, אבער מען האט נישט צופיל פארשטאנען. און מסיים געווען האט ער אלעמאל, 'דער עיקר איז, מחשבה דיבור ומעשה בלתי לה' לבדו'. און אמאל האט ער געזאגט אויף יודיש, 'מחשבה דיבור ומעשה נאר פאר גאט ברוך הוא אליין'. דאס איז געווען דער חלק וואס ער האט יא געזאגט.

באמת למשל אפילו אין סקווירא (אצל **הרה"ק רבי איציק'ל מסקווירא זי"ע**) וואס האט אפיציעל נישט געזאגט קיין תורה, אבער פרייטאג צונאכטס נאכן דאווענען פלעגט מען אריינקומען, און ער האט געשמועסט, און ער האט אפילו אמאל געטייטשט א פסוק אויך.

**רבינו:** אינמיטן די סעודה אויך?

**האדמו"ר מסקווירא:** ניין. בקביעות זאגן תורה האבן פיר נישט געזאגט. (**הרה"ק רבי משה מקאריסטשוב זי"ע, הרה"ק רבי מנחם נחום ממקארוב זי"ע, הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע, והרה"ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זי"ע**).

**רבינו:** וואס הייסט די סיבה, פארוואס זיי האבן משנה געווען פון די עלטערן, און נישט געזאגט?

**האדמו"ר מסקווירא:** עס זענען דא אסאך 'תורות' אויף דאס 'נישט זאגן תורה'... **רבי איציקל סקווערער** האט אמאל געזאגט, בלבי צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך (תהלים קיט-יא). עס זענען דא כמה ווערטער וועגן דעם. אבער בפשטות האט געהייסען איינע פון די טעמים, אז מען האט געציטערט אז עס זאל זיין אזוי ווי **רבי אהרן טשערנאבלער** האט געזאגט, בלתי לה' לבדו... אויף זיך האט מען געציטערט צו עס איז ממש נישט דא קיין פניה. איך זאג נישט קיין פשט, אבער עס קען זיין.

זאגן זאגט מען, אז רבי **איציקל סקווערער** האט אמאל געזאגט, אז א תלמיד פונעם רבי'ן **רבי ברוך מעזיבוזער זי"ע** האט אמאל געמאכט א ספר אויף קדשים, און ער האט עס געברענגט צום **רבי ר' ברוך** אויף א הסכמה. האט דער **רבי ר' ברוך** זיך געוואונדערט, ווי אזוי האט מען געקענט מאכן א ספר אויף גאנץ קדשים. האט ער געזאגט, 'חם לבי בקרבי בהגיגי', ווען איך טראכט נאר, 'תבער אש', אז אויפן פלאץ וואו עס איז געווען דער מזבח, 'דיברתי בלשוני' (תהלים לט-ד), קען מען היינט נאר יוצא זיין די קרבנות מיטן דיבור.

האט **רבי איציקל סקווערער** אויסגעפירט, 'חם לבי בקרבי', עס קאכט שוין אין מיר, 'בהגיגי', אפילו ווען איך טראכט נאר די תורה וואס איך וויל זאגן. 'תבער אש', וואס פארא פייער וואלט געברענט, 'דיברתי בלשוני', ווען איך זאל עס נאך ארויסזאגן ממש מיטן מויל.

**דער טאטע ז"ל** האט נאכגעזאגט פונעם **אוהב ישראל** (פ' במדבר) 'זאת חוקת התורה', ווער קען זאגן תורה, 'אשר צוה ה'', וואס ביי יעדע זאך קען ער מייחד זיין דעם שם הוי"ה, 'לאמור' (במדבר יט-ב), דער קען זאגן.

**רבינו:** אלו ואלו דברי אלקים חיים.

**האדמו"ר מסקווירא:** עס איז געווען אזא דרך עבודה, און עס איז געווען אזא דרך עבודה.

**רבינו:** מיר זענען מקיים לעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:)[א].

**וכיבד האדמו"ר מסקווירא את רבינו בפירות.**
**אחר שבירך האדמו"ר מסקווירא על פרי, נטל רבינו שיירי הפרי ובירך עליה**

**והעיר האדמו"ר מסקווירא בצחות:** עס איז עפעס א שנת בצורת דא?...

---

[א] עיין בספר **תולדות ערוגות הבשם** (ח"א דף ש"ז) שפעם אחת שבת **הרה"ק משינאווא זי"ע** בק"ק סטראפקוב, ורבינו בא להסתופף בצל קדשו, יחד עם עוד כמה רבנים חשובים. בסעודת ליל שבת קודש נענה **הרה"ק משינאווא** ואמר, 'הייתי יכול להשמיע חידושי תורה נפלאים, אבל מה אעשה, שאיני מרגיש עצמי בבחינה זו'. והפליט רבינו מפיו ואמר, אם כן, לא שבק מר חיי לכל בריה. ונשמעו הדברים לרבו משינאווא, אך לא הגיב מאומה על דברי רבינו. למחרתו השיב **הרה"ק משינאווא** לרבינו, שמעתי מה שאמרתם, ובודאי היתה כוונת הדרת גאונו שלפי זה אי אפשר לרב היושב על כסא הרבנות להוכיח את בני קהלתו. על זה אומר למעלת כבודו, שאני דרשות הנאמרים לפשוטי עם, שמעוררים אותם על שמירת שבת קודש, הרחקה ממאכלות אסורות, חינוך הבנים לתלמוד תורה, וכדומה, שכל אלו הם עניני זהירות בשמירת התורה ומצותיה, וקל מאוד לדבר ולעורר מענינים אלו, בפרט רב ופרנס הממונה על הציבור. אבל לעורר על חסידות ופנימיות, ועל עניני עבודת ה' לאנשים הבאים אלי כמעלת כבוד תורתו, זה קשה מאד, שכן האומר צריך להרגיש בעצמו, שיש בו את אותן הדברים שהוא אומר להשומעים, בבחינת נאה דורש ונאה מקיים ע"כ.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער **גארליצער רב** פלעגט אויך אסאך פארן צום **טריסקער מגיד**, איך בין געשטאנען אין שטוב אמאל ווען **רבי מענדעלע סטראפקובער זצ"ל** איז געווען אמאל **ביים טאטן ז"ל** אין וויליאמסבורג.

**רבינו:** ער פלעגט צו קומען?

**האדמו"ר מסקווירא:** אויף וויזיטן. האט ער דעמאלטס דערציילט, אז ווען דער **גארליצער רב** איז אהיימגעקומען פונעם **טריסקער מגיד**, האט ער געזאגט, אז ער האט דארט געזעהן, אז מען קען לעבן אהן עסן אויך. האט ער אויך געפרואווט א שטיקל צייט אזוי צו טון, אבער עס איז אים אנגעקומען שווער... אזוי האט ער נאכגעזאגט בשם דער **גארליצער רב**. - איך וואלט עס נישט נאכגעזאגט, ווען נישט וואס איך האב עס געהערט פון אים.

דער **טריסקער מגיד** האט געזאגט תורה לאנגע שעות, אין **מגן אברהם** זענען דאך דא די לאנגע תורות מיט היבש קבלה ענינים. איז געווען איינמאל וואס נאכן תורה זאגן, האט ער זיך צוגעבויגן צום זוהן, און ער האט אים געזאגט א ווארט. דאכט זיך אז דער **קאמארנער זי"ע** איז דארט געווען, און נאכן טיש האט ער געפרעגט דעם זון צו ער מעג וויסן וואס דער טאטע האט אים געזאגט נאך די תורה. האט ער קודם נישט געוואלט ענטפערן, און ער האט געזאגט, אז ער האט נישט קיין חשק צו זאגן. האט ער געמוטשעט און געמוטשעט, ביז דער זון האט אים געזאגט, איך וועל זאגן דעם אמת, איך האב נישט קיין חשק צו זאגן, ווייל איר וועט מיר נישט גלייבן. האט ער געמוטשעט אז ער וועט יא גלייבן, ביז דער זוהן האט דערציילט, אז נאך די גאנצע תורה, האט דער טאטע געפרעגט, צו ער האט שוין געזאגט תורה... דער **טריסקער מגיד** האט געזאגט נישט קיין קורצע תורות...

**רבינו:** עס איז דא א ספר **נימוקי חיים**, פון **רבי חיים פון אנטוניא זצ"ל** טייטשט ער דארט דעם פסוק אין פרשת שופטים (דברים יח-יט) 'והיה האיש אשר לא ישמע אל דברי אשר ידבר בשמי', אז דער צדיק וואס ער אליין הערט נישט די ווערטער וואס ער זאגט, זאגט דער אייבערשטער, 'אנכי אדרוש מעמו', איז א סימן אז איך דרש'ן פון אים.

**האדמו"ר מסקווירא:** מען זאגט דאך אזוי נאך אויפן ספר **מאור עינים**. דער תלמיד האט דאך עס געשריבן און דער **מאור עינים** איז שוין נסתלק געווארן ווען עס איז ארויסגעקומען. אבער ער האט נאך געהייסען בחייו אז מען זאל עס אים פארליינען. האב איך געהערט פונעם **טאטן ז"ל** אז די זאכן וואס ער האט געדענקט, האט ער געהייסען ארויסנעמען, און די זאכן וואס ער האט נישט געדענקט, איז דאך געווען שכינה מדברת מתוך גרונו, דאס האט ער געהייסן בלייבן. און דאס איז דער ספר **מאור עינים**.

**רבינו:** פונעם 'אנכי אדרוש מעמו'.

*

**הרה"ח רבי שלום בער פישל:** היינט נאכט איז ט' אלול. פאר פינעף און צוואנציג יאר צוריק בין איך געווען מיט מיין טאטן הרה"ח רבי יצחק פישל ע"ה (תלמיד הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל) ביי די ערשטע דרשה פונעם **וויענער רב** ביי די הכתרה.

**האדמו"ר מסקווירא:** ער איז געווען ביי די ערשטע דרשה, אבער מסתמא איז עס נישט קיין שום דמיון צו היינט... עס איז מוסיף והולך, און מעלין בקודש.

**הרה"ח רבי שלום בער פישל:** יעדעס יאר קומען דאך ארויס נייע ספרים. היינט אליין זענען ארויסגעקומען צוויי ספרים.

**האדמו"ר מסקווירא:** ב"ה, געלויבט דער אייבערשטער, הלכה כבית הלל, עס דארף זיין מוסיף והולך.

**רבינו:** די הכתרה איז געווען אין די טאג פונעם יארצייט פון **הגה"צ רבי יונתן שטייף זצ"ל**, היינט נאכט איז דער יארצייט.

**האדמו"ר מסקווירא:** זיין גדלות בתורה דארף איך דאך נישט זאגן, אבער זיין גדלות במידות איז געווען נישט ווייניגער פון זיין גדלות בתורה...

**רבינו:** ער פלעגט צו קומען צו די טישן?

**האדמו"ר מסקווירא:** יא. איך האב שוין אסאך מאל דערמאנט, אז ער איז איינמאל געווען ביים טיש פסח בייטאג. ביי אונז זענען געווען א געוואלד מיט חומרות אויף פסח. מען קאכט אויף יעדע טישטוך. נאר עס איז דא פלעצער וואו מען נוצט אינגאנצן נישט קיין צוקער, אבער ביי אונז האט מען אויפגעקאכט די צוקער פאר פסח, און געמאכט צוקער וואסער, און עס איבערגעזייעט, און נאכן אויפקאכן און איבערזייען האט מען עס יא גענוצט.

בשעת ער האט געוואלט נעמען שיריים פונעם בארשט, האט אים **דער טאטע ז"ל** געגעבן א זאג, מודיע צו זיין, אז למעשה איז דא אין דעם צוקער. האט **רבי יונתן** זיך געגעבן א שטעל אויף, וואס? מען דארף מיר זאגן פון וואס עס איז יא געמאכט אדער נישט געמאכט? אין בודקין מן המזבח ולמעלה (פסחים ג:), איך וויל נישט הערן.

**רבינו: מיין טאטע ז"ל** האט געהאט א קפידא פאר זיך, אז ער האט געהאט א שוחט וואס האט גע'שחט'ן פאר אים, און ער האט נישט געגעסן קיין פלייש אין דער פרעמד, אויסער זיין שטוב. פלעגט ער אונז אלעמאל זאגן, טאמער גייט מען צו א צדיק, זאל מען נישט מאכן קיין חומרות, נאר מען זאל עסן וואס דער צדיק עסט. חומרות זענען נאר אין שטוב.

**האדמו"ר מסקווירא:** אין הקב"ה מביא תקלה על ידי צדיקים (חולין ז.).

*

**רבינו:** איך דערמאן זיך יעצט אז ווען דער רבי האט חתונה געהאט, בין איך געווען דא אין שטוב מוצאי שב"ק נאכן פארשפיל. **מיין טאטע ז"ל** איז געווען דעמאלטס אין קאנטרי, און מוצאי שבת איז געווען א קאר פון רבנים וואס זענען אריינגעקומען קיין סקווירא זיך משתתף זיין אין די שמחה, האט ער מיך אויך מיטגענומען דעמאלטס.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער פארשפיל איז געווען אינדרויסן אינעם שאטער. זונטאג איז מען געפארן קיין ארץ ישראל צו די חתונה (עם בת כ"ק האדמו"ר בעל ישועות משה מוויזניץ זצ"ל).

**רבינו:** איך געדענק אז **דער רבי ז"ל** איז געזעצן דא אויבן-אן און ארום די גאנצע טיש זענען געזעצן רבנים, און אזוי האט ער אויפגענומען דעם עולם. דער עולם איז אריינגעקומען זיך גזעגענען, און די רבנים זענען געזעצן ארום. זכותם יגן עלינו.

איך וויל נישט אויפהאלטן, איך דארף א ברכה אויף די הייליגע טעג.

**האדמו"ר מסקווירא:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל האבן א כתיבה וחתימה טובה,

מען זאל קענען מרביץ תורה זיין מיט הרחבת הדעת, און מקרב זיין לב ישראל לאביהם שבשמים, היה עם פיפיות שלוחי עמך בית ישראל.

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, אז דער רבי זאל זיין געזונט און שטארק אי"ה, און קענען פירן די עדה מתוך שמחה וטוב לבב, מיט לאנגע געזונטע יארן, און א כתיבה וחתימה טובה.

**ונפרדו לשלום**

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף אצל החתונה של בן הר"ר **זלמן לייב ווייס** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חזקי' שענבערגער** הי"ו, שהתקיים באולם אטריום פלאזא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. [בסעודת החתונה נתחלק ב' כרכים חדשים מספרי 'שמן ראש' על סדר בראשית ודברים (חלק ראשון – שמיני השלם), נדבת לבו הטוב של המחותן ידידינו הרבני הנכבד הר"ר **זלמן לייב ווייס** הי"ו].

אחר החתונה נסע **רבינו שליט"א** לקרית יואל והשתתף אצל השבע ברכות של בן הר"ר **שמואל דוד פרידריך** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק שלמה נאווע** הי"ו, שהתקיים באולם קרן ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת כי תצא</u>***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הברית של בן **הרה"ג רבי אברהם צבי לייפער שליט"א** רב דקהל תפארת יחיאל מיכל (מאנסי, בן כ"ק האדמו"ר מטעמישוואר שליט"א, ב"ב), שהתקיים בבית מדרשו. **רבינו שליט"א** נתכבד בסנדקאות ובמוהלות. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי יחיאל טויבער זצ"ל** (גאב"ד וראה"כ מכון להוראה).

*

***<u>יום שישי פרשת כי תצא</u>***

אחר התפלה התקיים מסיבת לחיים לרגל היארצייט של הר"ר **צבי יהודא קיסנער** ע"ה (גיסו של הרבנית מוואדקערט ע"ה, חמותו של **רבינו שליט"א**, ראה לעיל השיחה ביום שני).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** ביי חסידים האט מען געגעבן תיקון פאר מען איז געפארן אונטערוועגנס, און מען האט זיך אנגעוואונטשען איינעם דעם צווייטען. זעהט אויס, אז מיט א גלעזל בראנפען וואונטשט זיך אנדערש. די וועלט זאגט, אז ווען מען זאגט 'לחיים', איז אינעווייניג דא צוויי יודי"ן, און אויסער דעם איז דא דיווארט 'לחם'. ווען צוויי יודי"ן קומען זיך צוזאם, און מען וואונטשט זיך, איז דא א השפעה פון פרנסה.

**הרה"ג רבי פישל לעווי** (מנהל ישיבה קטנה נחלת יעקב דקהלתנו הק'): אין ספר **עשר קדושות** (מערכת ז' אות ל"ז) ברענגט ער צו פונעם **ראזלער רב**, אז ער האט נאכגעזאגט פון זיין פעטער, דער **עטרת צבי**, אז עס שטייט אין מדרש, בשעה שישראל שותין לחיים, הקב"ה מוחל עונותיהם. זאגט ער, איך האב נישט געטראפן אזא מדרש, אבער אז דער פעטער האט אזוי געזאגט, איז עס אזוי.

איך האב אמאל געפרעגט **הרה"ג רבי פישל הערשקאוויטש זצ"ל** וואס איז פשט אז דער באשעפער איז מוחל די עבירות ווען מען טרינקט לחיים. האט ער געזאגט, עלטערע יודען זענען שוין געקומען פרי אין בית המדרש, און ווען מען גיט לחיים נאכן דאווענען, איז מען מחיה א יוד. און ווען מען וואונטשט זיך, איז דא מחילת עונות.

**הרב אשר מאיר סעקולא** (משגיח בישיבה גדולה): עס איז היינט די יארצייט פון **הרה"ק רבי פנחס מקאריץ זי"ע**. דער **טאהשער רבי זצ"ל** ברענגט אין זיין ספר, אז **רבי פנחס קאריצער** איז קיינמאל נישט געגאנגען מבקר חולים זיין. ווייל די יסורים זענען טאקע זייער גרויס, אבער דער קרעכטץ איז אסאך מער, און עס איז דא דערין אביסל שקר, און ער האט נישט געקענט פארנעמען א משהו שקר.

**רבינו:** מען זאגט נאך, אז ער האט געארבעט צען יאר זיך מרחק צו זיין פון שקר, און צען יאר צוצוקומען צום אמת. - אפילו מען איז מרוחק פונעם שקר, איז מען נאכנישט ביים אמת.

איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז **רבי פנחס קאריצער** האט געהאט א תלמיד **רבי רפאל בערשיד'ער**, און ער איז אויך געווען א געוואלדיגער איש אמת. און עס איז אמאל פארגעקומען א משפט אויף א יוד, וואס האט זיך פארזינדיגט אקעגן די רעגירונג, און ער האט גע'טענ'ט אז עס איז נישט ריכטיג. און דער שופט האט געזאגט, אז טאמער דער **רבי רפאל** וועט קומען עדות זאגן אויף אים, אז ער האט נישט געהאט א חטא, וועט ער אים באפרייען. און **רבי רפאל** איז געווען אין א פארלעגענהייט. ווייל ער האט געוואוסט אז די מעשה איז אמת, און ער האט קיינמאל נישט געזאגט קיין שקר, און דא איז עס נוגע צו פיקוח נפש, איינזעצן א יוד אין תפיסה. האט ער מתפלל געווען, אז דער אייבערשטער זאל אים צונעמען פון די וועלט די נאכט, אז ער זאל נישט האבן די נסיון צו זאגן שקר. און די נאכט איז ער אוועק.

**הרה"ג רבי פישל לעווי:** מען האט געזאגט אויף **רבי פנחס קאריצער** אז ביי זיך אינדערהיים האט ער נישט געהאט קיין עולם, נאר ווען ער איז אוועקגעפארן אויף א שבת איז געווען א גרויסער עולם. האט ער געזאגט א ווערטל, אז ווען [מען ליינט פרשת] פנחס איז אינדערהיים, איז עס סתם א שבת, און אסאך מאל אין די דריי וואכן. אבער ווען [פרשת] פנחס איז אין די פרעמד, איז עס יום טוב.

**הרב אשר מאיר סעקולא:** איינמאל איז ער געגאנגען באזוכן א יוד, וואס איז נישט געווען געזונט, און דער חולה איז געווען א סגי נהור. און דער חולה האט געבעטן, אז ער וויל נאך איין מאל זעהן די וועלט. און **רבי פנחס** האט אים געעפענט די אויגן, און ער האט עס גלייך צוריק צוגעמאכט, און ער איז נסתלק געווארן. און **רבי פנחס קאריצער** האט פארציילט, אז דער יוד איז געווען א בעל מנגן, ער פלעגט גיין שפילען אויף שמחות, און ער האט מורא געהאט אז ער וועט נישט קענען היטן געהעריג די אויגן, האט ער מתפלל געווען צום אייבערשטען, אז ער זאל ווערן א סגי נהור. האט ער געזאגט, אזא יוד וואס האט געהאט אזויפיל מסירת נפש, וועט מסתמא נישט קרעכצן מער ווי מ'ען דארף, האט ער אים געקענט גיין באזוכן.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטע ז"ל**, אז דער **רבי רפאל בערשיד'ער**, ווען עס האט געו'רעגנט אינדרויסן, און ער איז אריינגעקומען אין שטוב, און מען האט אים געפרעגט, צו עס רעגנט אינדרויסן, האט ער געענטפערט, ווען איך בין געווען אינדרויסן, האט גערעגנט. ער האט מורא געהאט אז אפשר ביז ער איז אריין אין שטוב, רעגנט שוין נישט.

**הרב יצחק יהודא ברוין:** מען זאגט אויך נאך אויפן **שינאווער רב**, אז דער טאטע האט אים געהייסען גיין אין קאך קוקען וויפיל אזייגער עס איז. ווען ער איז צוריקגעקומען, האט ער געזאגט, ווען איך בין געווען אין קאך, איז געווען אזויפיל און אזויפיל אזייגער.

**רבינו:** וואו ווייט זענען מיר פון דעם.

**הרה"ג רבי פישל לעווי:** ער איז געווען עלטער פונעם **בעל שם טוב הק'**?

**רבינו:** ער האט געהייסען א תלמיד חבר פארן **בעל שם טוב**.

**הרב אשר מאיר סעקולא:** ער איז געבוירן תפ"ח, און דער **בעל שום טוב** איז געבוירן בשנת נח"ת.

**רבינו:** עס איז א פלא, זיינע ספרים זענען אינגאנצן נישט בדומה צו אלע אנדערע ספרי חסידות. די מימרות און די נקודות, איז גאנץ א אנדערער מהלך.

**הרב יצחק יהודא ברוין:** א תלמיד האט געמאכט די ספרים **מדרש פנחס** און **אמרי פנחס**.

**רבינו:** דעם **אמרי פנחס** האט מען ערשט לעצטענס געדרוקט. עס איז געווען א כתב יד. עס איז אזוי ווי דער **ספר המדות** פון **רבי נחמן ברסלב'ער זצ"ל**.

**הרב יצחק יהודא ברוין:** דער **בני יששכר** ברענגט אסאך פון **רבי פנחס קאריצער** וואס עס שטייט נישט אין זיין ספר.

**רבינו:** דער ענין פונעם אור הגנוז וואס ווערט נתגלה אין חנוכה, ברענגט ער פון **רבי פנחס קאריצער זי"ע**.

**זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל**

# פרשת כי תבוא י"ב – י"ח אלול תשע"ז לפ"ק

***יום ראשון פרשת כי תבוא***

בשעות הצהרים יצא **רבינו שליט"א** בדרכו חזרה למעונו בעיר וויליאמסבורג יצ"ו, אחר שהותו במשך כל ימי הקיץ, ביחד עם תלמידי הישיבה, במחנה מתיבתא נחלת יעקב בלאק שעלדריק.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** מסיבת לחיים לכבוד האירוסין של בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ בקהלתנו בוומסב"ג, עב"ג בת הר"ר **חיים אלעזר ענגלענדער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **ברוך מאיר בראדער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **עזריאל הערמאן** הי"ו, שהתקיים באולם שמח תשמח.

אחר השבע ברכות השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **יעקב משה פריעדמאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **יעקב לעווי** הי"ו, שהתקיים בבית אבי הכלה. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן ש"ב הרה"ג רבי **צבי אלימלך פיש** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים באולם סאמבאטהעלי.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אפעל גארדענס.

אחר הבר מצוה השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הרה"ג רבי **נפתלי הירצקא צוויבל** שליט"א ראה"כ תו"י סאטמאר וומסב"ג, עב"ג בת הרה"ג רבי **יוסף אשר זילבערשטיין** שליט"א מו"ץ בקיט"ל סאטמאר וומסב"ג, שהתקיים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת כי תבוא***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו, ולבן הר"ר **יצחק** (בן הר"ר שלום הי"ו) **ווייס** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה לבחורי הבר מצוה, ונתן להם דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **הרה"ג רבי מאיר גרינוואלד שליט"א** דומ"ץ בק"ק פאפא (בן כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א), להזמין את **רבינו שליט"א** לחתונת בנו בשעטומ"צ.

***וזה תוכן השיחה:***

**רבינו:** איך האב געזאגט די וואך ביי שלש סעודות, אז די גמרא (סוכה נב.) זאגט, אז לעתיד וועט דער אייבערשטער הרג'ענען דעם יצר הרע, שמניח אומות העולם, ווייל ער לאזט איבער די גוים, ומתגרה בשונאיהם של ישראל. ובתלמידי חכמים יותר מכולן, און אויף די תלמידי חכמים פארלייגט ער זיך דאס מערסטע. מען זעהט אז די גמרא (שם) זאגט, אז לעתיד לבא וועט דער אייבערשטער שחט'ן דעם יצר הרע. פארוואס קומט אים מען זאל אים שחט'ן, ער טוט דאך וואס מען האט אים געשטעלט צו טון, ער איז א ערליכער מלאך, ער פאלגט זיין שליחות. נאר זעהט אויס, אז דאס וואס ער איז זיך מתגרה בישראל, מער פון אנדערע, דאס איז א אייגענע חשבון. דער באשעפער האט אים נישט געהייסען אז ער זאל זיך מתגרה זיין בישראל, און אויף די תלמידי חכמים פארלייגט ער זיך נאך דאס מערסטע, אויף דעם וועט ער באקומען זיין עונש.

**א' מהנוכחים:** דער **ערוגת הבשם** (פ' כי תצא) טייטשט דעם פסוק כי תצא למלחמה על אויביך וגו', ושבית שביו (דברים כא-י), אז ווען דער יצר ברענגט צו א מענטש, אז ער זאל זיך אפרעדן אויף דעם וואס ער דארף פירן א מלחמה מיטן יצר הרע, 'ושבית שביו', דארף ער ענטפערן פארן יצר הרע, אז אזוי ווי ער טוט וואס ער דארף טון, ווייל אויף דעם איז ער באשאפן געווארן, אזוי דארף דער מענטש טון וואס ער האט צו טון, ווייל אויף דעם איז ער באשאפן געווארן, צו פירן א מלחמה מיטן יצר הרע.

**הגר"מ גרינוואלד:** עס איז דא א באקאנטע פשט פון **בעל שם טוב הק'**, שוחט משום מאי מחייב, משום צובע (שבת עה.). אז עס גייט ארויף אויפן יצר

הרע, שוחט דעלמא. זעהט מען אויך, אז עס קומט אים מיתה, ווייל ער גיט צו וואס מען האט אים נישט געהייסען. כי הגדיל לעשות, ער פארלייגט זיך אויף יודען, מער ווי אויף די גוים. ובתלמידי חכמים יותר מכולן, עס איז נישט אזוי פשוט.

**רבינו:** ווען ער איז מכשיל א תלמיד חכם מיט א עבירה, פארדינט ער מער, וועגן דעם פארלייגט ער זיך מער אויף אים.

עס שטייט פונעם **דברי חיים** (מובא בקונטרס **ויגד משה** לנישואין), אז א חתונה אין אלול איז געווען ביי אים א חשיבות. עס איז א הכנה צו די הייליגע טעג. היינט איז ב"ה דא געניג, אבער דעמאלטס זעהט אויס איז נישט געווען שכיח.

**הגר"מ גרינוואלד:** מזל אלול בתולה.

**רבינו:** דער **בני יששכר** (אלול א-ה) ברענגט צו פון **הרה"ק רבי אלעזר מליזענסק זי"ע**, 'אז תשמח בתולה', דער חודש אלול, וואס איז מזל בתולה, פריידט זיך, 'במחול' (ירמיה לא-יב), ווען דער אייבערשטער איז מוחל די עוונות.

עס איז געווען אזעלכע וואס האבן חתונה געמאכט חודש אלול אפילו אין סוף פונעם חודש, ווייל עס איז ימי רצון (כן כתוב **בדרכי תשובה** (יו"ד סימן קע"ט סקי"ח) בשם זקינו **הגה"ק בעל בני יששכר זי"ע**. ועיין עוד **בשו"ת ולאשר אמר** (סימן נ"ז)).

**הגר"מ גרינוואלד:** עס איז אזוי ווי חודש אדר.

**רבינו:** אדר איז ווייל עס שטייט אין די מגילה (אסתר ט-כב) והחודש אשר נהפך להם מיגון לשמחה, דער גאנצער חודש איז נהפך געווארן לשמחה (**שדי חמד** מערכת חו"כ סימן כ"א). ביי אלול שטייט דאס נישט, אבער וויבאלד עס איז ימי רצון איז נישט דא די אלע קפידות.

**הגר"מ גרינוואלד:** דער **בני יששכר** (תמוז א-ו) ברענגט צו פונעם **זוהר הק'** (ח"ב עח:), אז יעקב און עשו האבן זיך צוטיילט מיט די חדשים, ניסן אייר סיון פאר יעקב, און תמוז אב אלול האט געהערט צו עשו. און יעקב מיט זיין חכמה האט אוועקגענומען חודש אלול פון עשו, און ער האט עס צוגעגרייט פאר א חודש פון תשובה, און דורך דעם איז מען ממתיק די דינים פון חודש תמוז און אב (עיין **במגלה עמוקות** פ' ואתחנן אופן קז).

**רבינו:** ער טייטשט מיט דעם דער פסוק (בראשית כה-כו) וידו אוחזת בעקב עשו (עיין **באגרא דכלה** פ' בראשית ד"ה הוא ישופך).

**ובירכו רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, אז עס זאל זיין א גוטע הכנה צו די הייליגע טעג, די חתונה זאל זיין בשעה טובה ומוצלחת, און מען זאל זעהן אסאך יודיש נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער, מתוך שמחה וטוב לבב.

**ובירך להחתן:** דער זיווג זאל עולה יפה זיין, און עס זאל זיין א בנין עדי עד, און אויפשטעלן אינאיינעם א שיינע יודישע שטוב, און די עלטערן זאלן זעהן אסאך נחת.

**רבינו שליט"א מסר לו ספר שמן ראש**
**על ימים נוראים**

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **הגה"צ רבי ישעי' צבי בריעף שליט"א אב"ד יעריסלוב** להזמין את **רבינו שליט"א** לכתיבת ספר תורה שנכתבה על ידי מתפללי בית מדרשו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת מרת נייהויז ע"ה (אלמנת **הר"ר יואל צבי נייהויז ע"ה**).

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** דומ"ץ בקהלתנו בוומסב"ג, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

***יום שלישי פרשת כי תבוא***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הרב **משה יעקב פישער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **משה ניישטיין** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. **רבינו שליט"א** נתכבד בברכה אחריתא.

אחר מעריב הגיע לבית **רבינו שליט"א** מר. עריק גאנזאלעז, לקבל ברכת **רבינו שליט"א** לתפקיד דיסטריקט אטורני.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הרה"ג רבי **יצחק זלמן גיפס** שליט"א דומ"ץ דבית מדרשנו ברכת אברהם, עב"ג בן הרה"ג רבי **משה ראזענפעלד** שליט"א מו"ץ בקיט"ל סאטמאר וומסב"ג, שהתקיים באולם פרדס צבי.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של בת הרב **משה יעקב פישער** שליט"א, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל החתונה של ש"ב בן הרה"ג רבי **ישראל אהרן כ"ץ** שליט"א (בן כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **אליעזר זאב פדווא** שליט"א (בן הגה"צ גאב"ד לאנדאן שליט"א). **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים הגאוה"צ שליט"א, ובריקוד מיוחד עם אחיו **כ"ק הגה"צ מסערדאהעלי שליט"א**, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום רביעי פרשת כי תבוא</u>***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בת הר"ר **ירמיה טעסלער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **וואלף מאיר בלויא** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים.

אחר התנאים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של החתן **יונתן בריגער** נ"ו בן הר"ר **ישראל דוב בריגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **בערל פאללאק** הי"ו, שהתקיים באולם די מארקיז.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אברהם יוסף ווייזער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שמעון ראבי** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר החתונה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **דניאל פייג** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **שלמה הלפרין** הי"ו, שהתקיים באולם ששון ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת השבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום חמישי פרשת כי תבוא</u>***

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החופה של בן הר"ר **אפרים יוסף וויטריאל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה דוד קיש** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת גאלדא. **רבינו שליט"א** נתכבד בסידור קידושין.

אחר החופה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל כתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי מתפללי ביהמ"ד יעריסלוב. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>יום שישי פרשת כי תבוא</u>***

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **יואל קעניגסבערג** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**עס** שטייט די וואך אין די פרשה, ביי די ברכות, יצו ה' אתך את הברכה באסמיך, דער אייבערשטער וועט אריינשיקן די ברכה אין דיינע אוצרות, ובכל משלח ידך, און אין אלעס וואס דו לייגסט צו דיין האנט, וועט זיין א ברכה.

**עס** קען אפשר זיין, מען ווייסט אז ברית מילה איז נישט נאר וואס מען מל'ט דאס קינד בשעת דעם ברית, נאר מיט דעם גיט מען אריין א קדושה אינעם קינד אויפן גאנצן לעבן, אז מען זאל זיך קענען פירן ערליך און הייליג. עס שטייט אין **תיקוני זוהר** (תיקון כב עו.), אז ווען א יוד פירט זיך ערליך, איז שורה אויף אים דער שם הוי"ה מלפנים, און דער שם שד"י מלחוץ [עס איז העכערע ענינים וואס דאס מיינט], און טאמער מען זינדיגט, גייט אראפ דער שם פונעם אייבערשטען, און עס איז שורה אויפן מענטש דער ס"מ (עיין **בישמח משה** פ' מקץ באריכות).

**איך** האב געזען אמאל שטיין פונעם **אמרי יצחק**, דער **דראגמירעשטער רב**, אז דער פסוק (ויקרא כא-י) זאגט, והכהן הגדול מאחיו, אשר יוצק על ראשו שמן המשחה, ומלא את ידו ללבוש את הבגדים וכו'. זאגט ער, והכהן הגדול מאחיו, מיט וואס איז ער זוכה, אז ער איז דער כהן וואס איז גדול מאחיו? ווען א יוד פירט זיך ערליך, ער פירט זיך בקדושת הברית, איז ער זוכה צו אלע ברכות וואס איז דא אין די תורה. דער כהן וואס איז גדול מאחיו, האט

געמוזט זיין אין א הויכע מדריגה אין דעם ענין, אז ער זאל זוכה זיין צו זיין דער כהן גדול.

**ווען** מען שרייבט ארויס דאס ווארט 'יד' מיטן מילוי, יו"ד דל"ת, באטרעפט עס פיר הונדערט פיר און פופציג, וויפיל חות"ם. זאגט ער, והכהן הגדול מאחיו, ווי אזוי איז דער כהן געווארן גרעסער פון זיינע ברודערס, ומלא את ידו, ווייל ער האט אנגעפילט דעם יד, יו"ד דל"ת, וואס איז בגימטריא חות"ם, וואס דאס איז די קדושה פונעם כהן גדול.

ליכא מידי דלא רמיזי באורייתא, דאס ווארט 'אסם', איז דער אל"ף, רומז אויף דעם אלופו של עולם, אויפן שם הוי"ה און שם שד"י, וואס דא ווייזט אז מען פירט זיך ערליך. און ס"ם ווייזט אויף די צווייטע העלפט, אויב מען פירט זיך נישט ערליך. זאגט די תורה, 'יצו ה'', דער שם הוי"ה וואס דארף ליגן אויפן מענטש, וועט דער באשעפער מצוה זיין, 'אתך את הברכה', אז דו וועסט האבן א ברכה, 'באסמיך', אין דעם חלק וואס איז תלוי אינעם מענטש, צו עס זאל זיין דער אל"ף, צו עס זאל זיין דער ס"ם. און דער אייבערשטער וועט אריינשיקן א ברכה, 'ובכל משל"ח יד"ך', אז מען זאל קענען אויסציען דעם יד, יו"ד דל"ת, עס זאל זיין א ברכה אינעם חות"ם אות ברית קודש.

*

***<u>שבת קודש פרשת כי תבוא</u>***

בקריאת התורה התקיימה שמחת האויפרוף של החתן **ברוך אברהם** נ"ו בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, ושל החתן **יצחק אייזיק** נ"ו בן הר"ר **יעקב בער גרינוואלד** הי"ו, וקריאת השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אריה הערשקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחות.